"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**רצוננו לעשות רצונך**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר מ"ט**
טבת שנת תשפ"ו לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©

כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:

ישר

Publishing & Production

718.484.2189

# תוכן המאמר


הסיפור הנורא של נתן דצוציתא..........................................א

פון די קלענסטע נשמה - ביז מדריגת הרשב"י..........................ה

'לית רעותא טבא דאתאביד'..............................................ה

מהפסוֹלֶת - מִשָׁם נתעשר משה............................................ח

שמחה של מצוה............................................................י

נישט זיצן צו שטארק.....................................................יא

שפיציג און קיילעכדיג....................................................יד

געניצט 'עניוות' אין די נישט ריכטיגע מינוט...........................טז

וואס איין וואָרט קען אויפטון...........................................יח

א קליין דשוק'עלע אין מח...............................................יט

די עוונות רעדן...........................................................כ

אָן 'שמחה' - נישטא קיין פרייהייט......................................כב


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **אהרן אלימלך לעפקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר מ"ט

## רצוננו לעשות רצונך

### הסיפור הנורא של נתן דצוציתא

צווישן די הייליגע חז"ל איז געווען איינער, ער האט געהייסן "מר עוקבא". נאך א נאמען האט ער געהאט, "נתן דצוציתא". עס איז דא אויף אים א סיפור, **רש"י** ברענגט עס אראפ אין סנהדרין ל"א[א], און אויך אין שבת נ"ו[ב], און באריכות ווערט דאס דערציילט אין **ספר המעשיות** פון רבינו נסים גאון[ג].

אט דער 'מר עוקבא' איז פריער געווען א רשע, און ער האט געלאָקערט אויף אַן עבירה גאר א לאנגע צייט. איינמאל איז געקומען א צייט וואס ער האט געהאט אַן הזדמנות דאס צו טון רחמנא ליצלן. האט ער זיך מתבונן געווען, אויב וועט ער ממליך זיין ערשט דעם אויבערשטן 'בכפיית היצר', קען ער דאך זוכה זיין אין א קורצע צייט צו אזא גרויסן זכות 'לעולמי עד', אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט, וואס אַן אנדערער דארף ארבעטן אויף דעם 'כמה שנים'.

האט ער זיך מתגבר געווען מיט די גאנצע כוחות, און ער איז עס בייגעקומען, ער האט מנצח געווען דעם יצר־הרע.

תיכף נאכדעם, 'ויפול על פניו ארצה', און ער האט מתפלל געווען צום אויבערשטן: "הוֹרֵנִי ה' דַּרְכֶּךָ", זיי מיר מוחל אפילו אויף אלע מיינע עוונות, "וּנְחֵנִי בְּאֹרַח מִישׁוֹר" - פיר מיר אין גוטן וועג.

---

**א.** סוף עמוד ב'.

**ב.** סוף עמוד ב'.

**ג.** דף לז ע"א.

עס איז אריבער א שטיקל צייט, האט ער זיך גענומען צום לערנען, און דער אויבערשטער האט אים געעפנט זיין הארץ מיט זיין מח, און ער איז געווארן אזא גרויסער תלמיד חכם, אז זיין פנים האט אים געשטראלט 'מרוב חכמה'.

דער **רבינו תם** זאגט אין שבת[ד] אז עס איז דא א **מדרש**, א ליכט האט געשיינט איבער זיין קאפ!

ער איז געווארן פון די גרעסטע צדיקים, פון די 'חכמי התלמוד', אַן 'אב בית דין', א 'ריש גלותא', 'בימים ההם'.

אז מען איז זיך מתבונן, זעט מען, די גאנצע התרוממות וואס ער איז דערהויבן געווארן, איז געווען וויל ער האט געזען דער הייליגער נקודה וואס איז דא אין אים, ער האט דאס אליין געזען 'במו עיניו' ממש, און אט דאס האט אים מעורר געווען צו תפילה און צו תורה, און דאס האט אים געגעבן דעם גאנצן 'אומץ', דעם גאנצן פעסטקייט אין עבודת ה', ביז 'שזכה למה שזכה'[ה].

אט דאס רופט זיך נישט קיין 'גאוה' אדער 'רדיפת הכבוד', אדרבה, דאס רופט זיך 'שמחה של מצוה'![ו] ער האט זוכה געווען צו זען, עס איז אים נתגלה געווארן אז ער האט א הייליגע נשמה, וואס ביז

---

**ד.** שם.

**ה.** עיין 'היכל הברכה' (קאמארנא) פר' ראה: **וקבלנו מהצדיקים הקדושים** כי בעת כשהרשע בוער בו חימום הרע ר"ל אש גיהנם, **אם היה עומד בנסיון** לכבוש הרע והתלהטות הרע, **תיכף** היה נהפך לו לאש קדוש וחימום ואור וחיות המצות **עד שבשעה קלה** היה זוכה לרוח הקדוש **כמעשה דנתן** שהיה אש מלהטות סביבו ונקרא נתן דצוציתא.

**ו.** עיין 'אורחות צדיקים' - שער הגאוה: ***יהיה אדם יקר רוח וגבה לב בעניני העולם הבא***, שלא יספיק לו במה שיזדמן לו, ולא יאמר די במה שתמצא ידו מהם, אלא ימעט בעיניו כל מעשהו, ותגבה נפשו למעלה תמיד, ויתרעם בנפשו כמו שמקצר מעבודת הבורא, ברוך הוא. **וזאת הגאוה אינה מזקת לענוה, אך מסייעתו וגורמת לו**, וכו' עיי"ש; גם עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' כ"ב, שבענין ההכנעה וענוה טועים העולם הרבה, עיי"ש; גם עיין שם ח"א קצ"ז; שיחות הר"ן אות ק"מ; גם עיין 'משיבת נפש' מחזור ג' אות י'; 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הריח ה"ד אות ב'; שם הל' תחומין ה"ו אות ג', וזל"ש: לפעמים רוצים להפילו בדעתו לגמרי, שמזכירין אותו ריבוי עונותיו ופשעיו העצומים ואיך הוא מלא פגמים וקלקולים

ערשט איז דאס געווען ביי אים באהאלטן, און מיט דעם וואס ער האט דאס 'מוציא' געווען 'לפועל', האט ער ערשט געזען וואספארא כח ער האט; אבער אינ'אמת'ן, דער זעלבער כח איז געווען ביי אים בהעלם פריער[ז].

## פון די קלענסטע נשמה - ביז מדריגת הרשב"י

רבי נתן זאגט אין **ליקוטי הלכות**[ח], די קלענסטע נשמה פון א איד, אז עס זאל זיך דערוועקן ווי עס צו דארפן צו זיין, האט עס א כח

---

בכל עת וכו' **עד שנדמה לו שאפס תקוה ח"ו**, וכל זה מעשי הבע"ד, **כי אין זה דרך ענוה כלל**, רק הבעל דבר מתנכל עליו להפילו לגמרי ח"ו, ומגודל החושך קשה לו מאד לשום אל לבו להזכיר את עצמו בהנקודות הטובות שבו, לולא ה' עזרתה לנו בכל יום ובכל עת שמסבב בנפלאותיו העצומים שנוכל להזכיר עצמנו לילך עם הדרך הקודש של **'אזמרה לאלקי בעודי'** תהילה לאל, עי"ש היטב היטב; גם עיין 'שם עולם' (לבעל הח"ח) ח"א פ"ז.

**ז.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת הריח ה"ד אות א' [מובא ב'משיבת נפש' מחזור ג' אות כ"ה]: **וזהו בחינת מה שאנו רואים כמה אנשים שהם רשעים גדולים כמה שנים ועוברים עבירות גדולות וחמורות רחמנא לצלן, ואחר כך נתעוררים בתשובה ונעשים בעלי תשובה גמורים**, כמובא כמה מעשיות כאלה בגמרא ומדרשים ושארי ספרים. וכמעשה דרבי אליעזר בן דורדיא **ונתן צוציתא** וכיוצא באלה מעשיות הרבה מאד בכל דור ודור. ולכאורה תמוה הדבר מאד הלא עבירה גוררת עבירה וכל מה שעובר עבירה יותר הוא נופל בידי הסטרא אחרא יותר ומאין בא שלבסוף יתגבר נגד הסטרא אחרא ויחזור בתשובה? אך הוא על פי הנ"ל כי באמת **בכל אחד מישראל יש נשמה יקרה שיש לה כח גדול לעמוד כנגד היצר הרע וחילותיו**, כי אם לא היה כח באדם לעמוד כנגד היצר הרע לא היה הקב"ה נותן לו יצר הרע כזה, כי אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו וכמו שאמר רביז"ל שאין מי שיהיה לו מניעות שלא יוכל לעמוד בהם וכמו שכתוב, 'ואליך תשוקתו ואתה תמשל בו'. אם תרצה תתגבר עליו, עיין שם בפרוש רש"י. על כן צריכין לדעת ולהאמין שבודאי כל אחד ואחד מישראל **אפילו הפחות שבפחותים** הוא בעל כח גדול לעמוד כנגד היצר הרע שלו. ועיקר כל החטאים והתאוות שהאדם נלכד בהם ח"ו היא רק מחמת שטות שאינו יודע מכחו וכו', כמבאר בדברי רביז"ל בנעימת החרוזים שלו הנדפסים בתחילת ספר לקוטי מוהר"ן, וזה לשונו: **חזק ונתחזק ואל תהיה כפיל הגדול וכגמל וכו'. וכל זה מחמת שטות שאין יודע מכוחו וכו'.**

**ח.** שם בהמשך: כתב רביז"ל במקום אחר (שיחות הר"ן נ"א) **והנשמה של איש הישראלי אפילו של הפחות שבפחותים בודאי היא יכולה לעמוד כנגד כל העולם עם התאוות.** [עיין גם 'שיחות הר"ן' אות קס"ה].

צוביישטיין די גאנצע וועלט מיט אלע אירע תאוות! - אזוי גרויס איז א נשמה פון א אידן.

עס איז ידוע, **רבי יצחק דראהביטשער** ע"ה, דער טאטע פון **רבי מיכעלע זלאטשובער**, איז דאך געווען א 'תלמיד חבר' פון דעם הייליגן בעל־שם. האט דער **בעל־שם** אמאל געזאגט אויף אים: **"ער האט געהאט די קלענסטע נשמה פון דעם גאנצן דור - און ער האט זוכה געווען אז ער האט דערגרייכט צו אזא מדרגה - צו א שרעקליכע מדריגה"** - - כאטש ער איז געווען די קלענסטע נשמה שבדור[ט].

## 'לית רעותא טבא דאתאביד'

ביי יעדן איד, 'יהיה מי שיהיה', איז דא דער ענין וואס חז"ל זאגן[י]: **"רצוננו לעשות רצונך, ומי מעכב, שאור שבעיסה"**. דער 'שאור שבעיסה', די זוהמא וואס איז דא אין א מענטש, דאס פאַרשטאָפּט אים דעם הייליגן 'רצון הפנימי' וואס ער האט וואס ער וויל זיין אַן ערליכער איד און נישט דערווייטערט ווערן און נדחה ווערן פון השם יתברך[יא]; דער 'שאור שבעיסה', דאס לאזט נישט א אידן ער זאל זיך פרייען מיט דאס ביסל 'רצון' וואס עס ווערט יא נתגלה אין אים[יב].

---

**ט.** 'אגרא דפרקא', אות כ"ט: סיפרו לי **מגידי אמת** ששמעו **מכבוד הרב הקדוש המגיד מה"ר יחיאל מיכל זצוק"ל**. סיפר להם שבשעת בואו פעם הראשון **להרב הבעש"ט זצלה"ה**, צוה לכבדו, ואמר תדעו שהאיש הזה הוא בן **הרב הקדוש מו"ה יצחק מדראהביטש**, והנני אספר לכם אשר אביו של זה נתנו לו מן השמים נשמה קטנה אשר כמעט אין בדור נשמה קטנת הערך כמוה, והוא הגביה אותה למעלת התנא הקדוש הרשב"י, ע"כ שמעתי.

**י.** גמ' ברכות דף י"ז ע"א.

**יא.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ברכת השחר ה"ה אות כ"ב: וזה שכתב התנא: 'גלוי וידוע לפניך שרצוני לעשות רצונך ומי מעכב שאור שבעיסה' וכו', כי **השאור שבעיסה היפך הרצון העליון**, ואי אפשר להמתיקו ולבטלו כי אם על ידי הארת מצח הרצון כנ"ל. **ועל כן באמת הזהיר אדמו"ר ז"ל מאד מאד שיזהר האדם להתגבר עצמו מאד שיהיה לו תמיד רצונות טובים וכיסופין חזקים להשם יתברך, כי העיקר הוא הרצון** וכו', וכמבואר בדבריו במקומות רבים אין מספר ... וצריך להיות חזק בזה מאד מאד בלי שיעור וערך, **ואז סוף כל סוף יזכה בודאי** שיהיה נמתק הכל על ידי כח הצדיק שעוסק בפדיון הכולל הנ"ל, **ואז יתהפך הכל לטובה כי שם נתקן הכל.**

דער הייליגער זוהר זאגט[יג]: "לית רעותא טבא דאתאביד!" - קיין 'רצון טוב' ווערט נישט פארלוירן. אז א איד האט א גוטער 'רצון', ער גיט א גוטן 'בענק' צום אויבערשטן, ער האט גוטע רצונות וואס ער וויל זיין אַן ערליכער איד, אט דאס איז א געוואלדיגע חשיבות ביי א אידן, דאס ווערט נישט פארלוירן, דאס ווערט קיינמאל נישט פארלוירן, און דאס שטייט אים ביי 'בעת צרכו'[יד].

אזוי ווי אלע מצוות און אלע עבודת ה' וואס א מענטש טוט, איז ווען עס קומט 'לאחר מאה ועשרים' ווען עס קאכט זיך איבער די דינים, וואס מען פאלט חלילה אריין ביי זיי אין די הענט, קומען דאַן די מצוות און מעשים טובים; אזוי אויך קומען די גוטע 'רצונות', און זיי זענען די ריכטיגע גוטע פריינד, און זיי ראטעווען סוף־כל־סוף דעם מענטשן[טו].

א מענטש דארף טאקע עוסק זיין אין דעם, ווייל עס טרעפט זיך זייער אסאך צייטן וואס עס קאכט זיך דורך אויף דער וועלט, וואס עס איז דא זמנים וואס א מענטש קען נישט ארויסנעמען אפילו קיין

---

**יב.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ערב ה"ג אות כ"ז: **עיקר התגברות הסטרא אחרא** שהוא בחינת עשו הרשע, **הוא על ידי עצבות ח"ו**, כשמכניסין ח"ו עצבות בישראל, **ועיקר העצבות הוא בחינת 'פגם הרצון'**.

**יג.** פר' תרומה דף ק"נ ע"ב.

**יד.** כמבואר בל'יקוטי מוהר"ן' תניינא סי' מ"ח [מובא ב'משיבת נפש' מהדו"ב אות א']

**טו.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' 'ברכת השחר' ה"ה אות מ"ב (מובא ב'משיבת נפש' מהדו"ש אות י"ב): אז ביום האחרון מתקבצים כל מה שחטף טוב בזה העולם בכל יום ויום **וכל רצון ורצון טוב שהיה לו בכל יום ויום** כל ימי חייו, **ורק זה הוא תקותו והשארתו לנצח.** ואז ידע ויבין כל אחד ואחד **החילוק שבין מי שהשתדל ורדף אחר התכלית ברצונות חזקים בכל יום אף על פי שלא זכה אליו בשלימות** ובין מי שלא השתדל כלל!; גם עיין שם בהמשך אות פ"ז: **כל מי שזוכה להתחזק בזה להיות רצונו חזק תמיד אל האמת ולא ירפה את הרצון הטוב אפילו אם יעבור עליו מה, בודאי סוף כל סוף יהיה אחריתו טוב;** גם עיין שם הל' 'ברכת המזון' ה"ד אות כ'; גם עיין שם הל' ערב ה"ג אות ה': אף על פי שזה כמה אשר הוא כוסף לשוב אליו יתברך ועדיין לא זכה לתשובה, אדרבא, פגם יותר והוסיף חטא על פשע ח"ו, **אף על פי כן יחזק עצמו לכסוף ולהשתוקק לה' יתברך תמיד בכל עת**, ועל ידי זה **בודאי סוף כל סוף** יזכה לצאת משטותיו, ויזכה בודאי לתשובה **בלי ספק!**

תהילים'ל און זאגן א קאפיטל תהילים, און צו לערנען אביסל תורה אין א הייליג ספר; איז די עצה, עוסק זיין אין 'רצון', האבן הייליגע מחשבות, בענקען, טראכטן - 'ווען וועט מען זוכה זיין צו זיין אַן ערליכער איד און גיין 'בדרכי ישרים' און עוסק זיין אין תורה און תפילה ווי עס דארף צו זיין?!'[טז].

אט דאס אליין איז א הייליגע 'עבודה'; עס איז נישט קיין ספק אז דאס איז א תיקון אויף אלע 'מחשבות' און 'הרהורים רעים'[יז]; חוץ דעם, די עצם מחשבות איז א הייליגע זאך, אזוי ווי דער זוהר הקדוש זאגט: "לית רעותא טבא דאתאביד", אז א 'רצון טוב' ווערט נישט פארלוירן; יעדע הייליגע מחשבה וואס ער האט, איז א 'זכות נצחי' פאר א אידן![יח].

---

**טז.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' סי' קמ"ב; 'שיחות הר"ן' אות ר"ס; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' פקדון ה"ד אות י', וזל"ש: גם מי שאין עבודתו בשלימות ואפילו אם נדמה לו שעדיין הוא רחוק לגמרי **ואפילו אם הוא באמת כך**, אף על פי כן צריך להמתין ולצפות לישועתו ולהחיות את עצמו בתוך כך בכל מה שיוכל, פעם בתורה, פעם בתפלה, פעם בהתבודדות ושיחה בינו לבין קונו, פעם בשיחה עם חברו או רבו, פעם בעשיית איזה מצוה וגמילות חסד, **פעם ברצון וכיסופין והשתוקקות שזה העיקר**, כמבואר בדבריו ז"ל שעיקר הוא הרצון וכו'; ובהמשך שם, אות י"א, כתב שם בזה"ל: **ואפילו אם הוא כמו שהוא**, אף על פי כן, כל זמן שתולה עיניו למרום **ושומר ומצפה וממתין** לישועתו יתברך, **על ידי זה בעצמו** יחוס ויחמול עליו ה' יתברך ויקרבהו לעבודתו באמת **ויתהפך הכל לטובה**.

**יז.** בבחינת 'זה לעומת זה', בחינת 'תשובת המשקל', ודו"ק.

**יח.** עיין 'שיחות הר"ן' אות ק"א (מובא ב'משיבת נפש' מהדו"ב אות ז'): ענה ואמר: "חזקו ואמצו כל המייחלים לה'" (תהלים לא כח) - "כל המייחלים" דייקא. **אפילו אם אינכם זוכים לשום קדושה ועבודה ח"ו רק מייחלים לבד**, אף על פי כן חזקו ואמצו ואל תפלו משום דבר שבעולם יהיה איך שיהיה, כמבואר מזה בדברינו כמה וכמה פעמים; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' נטילת ידים לסעודה ה"ו אות ס"ד: באמת אין שום טוב בעולם כי אם כשיזכה להארת הרצון הנ"ל. שיהיה כל מגמתו וכל חפצו ורצונו ותשוקתו וכיסופיו רק לה' יתברך להיכלל ברצון שברצונות. שזה הרצון נשאר קיים לעולם ועד. וכל נקודה ונקודה טובה שיזכה על ידי זה הרצון. **ואפילו אם לא יזכה כלום חס ושלום, רק זה הרצון בעצמו, הוא יקר ועולה על כל מחמדי תבל. והכל אין ואפס גמור נגד נקודה אחת מרצון הטוב הזה.** וזה אי אפשר לבאר בפה ובכתב. כי אם לכל חד כפום מה דמשער בליביה; גם עיין 'משיבת נפש' אות ס"ה.

## מהפּסולֶת - משָׁם נתעשר משה

דער **רבינו בחיי** זאגט א וואָרט אין ואתחנן אויפ'ן פסוק[יט]: **"אָז יַבְדִּיל משֶׁה שָׁלשׁ עָרִים בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן מִזְרְחָה שָׁמֶשׁ"**, עס קוקט אויס כמעט ווי א חסיד'ישער ווארט.

אויפ'ן פסוק: **"פְּסָל לְךָ"**[כ], דרשנ'ען חז"ל, **"הפסולֶת שלך - משָׁם נתעשר משה"**. דער פשט איז, דער אויבערשטער האט געזאגט משה רבינו'ן נאכדעם וואס ער האט אויסגעטשעטשעט די לוחות, די פסולת איז דאך געווען פון דיאמאנט, האט דער אויבערשטער אים עס אוועקגעגעבן - און פון דעם איז משה רייך געווארן.

זאגט דער רבינו בחיי, די **גמרא** זאגט דאך אין מכות[כא]: **"'אֹהֵב כֶּסֶף לֹא יִשְׂבַּע כֶּסֶף"**[כב] **- זה משה רבינו'**. דאס הייסט, שלמה המלך זאגט, א מענטש וואס האט ליב געלט, ווערט נישט זאַט פון געלט. איז די גמרא דרש'נט עס אויף רוחניות, א מענטש וואס האט ליב מצוות, ווערט ער נישט זאַט פון מצוות.

די גמרא דרש'נט דאס אויף משה רבינו; משה רבינו האט געוואוסט אז די 'שלשה ערי מקלט' פון 'עבר לירדן' זיינען נישט 'קולט' ביז מען וועט איינגעמען די 'שלש ערים' אין 'ארץ כנען' און מען וועט זיי מייחד זיין און מקדש זיין אויף 'ערי מקלט', ערשט דעמאלס וועלן די 'ערי מקלט' פון 'עבר הירדן' אויך קענען 'קולט' זיין.

האט ער דאך געוואוסט אז אפילו ער וועט עס ערשט מקדש זיין און מבדיל זיין אויף 'ערי מקלט', וועט נאך נישט חל זיין אויף דעם די הלכה און דער דין פון 'ערי מקלט'. איז פארוואס'זשע שטייט ביי משה רבינו'ן "אָז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן", אז ער האט עס יא מקדש געווען און מייחד געווען אויף 'ערי מקלט'?

---

**יט.** דברים ד, מא.

**כ.** שמות לד, א.

**כא.** דף י' ע"א.

**כב.** קהלת ה, ט.

ווייל ער האט געזאגט, אפילו עס איז טאקע נישט חל אויף דעם, אבער איך מאך דאך א 'התחלה', הויב איך דאך אָן עפעס א מצוה, עפעס א מצוה טוה איך דאך; אויב איך קען ארייננכאפן 'עפעס' א מצוה וואס דער רצון הבורא איז אז מען זאל מבדיל זיין די 'ערי מקלט', איז לאמיר עס טון.

האט דער אויבערשטער אים געזאגט: "פסל לך" - 'הפסולת שלך'; אויב דו האסט א השגה און עס איז ביי דיר אזוי חשוב צו טון א 'סניף למצוה', א קליינע מצוה, נאר א שטיקל 'התחלה', אפילו עס איז נישט די ריכטיגע מצוה, און דו ווייסט ווי גרויס דאס איז, און דו טוסט מיר א נחת רוח אפילו מיט אזא מין זאך, בזכות דעם ביסטו געווארן רייך אין רוחניות, בזכות דעם האסטו אלע דיינע גרויסע השגות! - אזוי זאגט רבינו בחיי[כג].

זעט מען, א צדיק ווייסט וואס דאס הייסט 'רצון הבורא' אויף דער וועלט. נישט נאר א 'מצוה גמורה', נאר אפילו אזא מצוה וואס אנטקעגן דער 'מצוה גמורה' רופט זיך עס 'פסולת'.

אט דאס איז פשט, "פסל לך" - אז דו האסט אַן השגה אפילו אין א קלייניקייט פון א מצוה, דורכדעם איז "נתעשר משה" - מיט דעם ביסטו געווארן רייך ברוחניות, בזכות דעם האסטו באקומען די גרויסע השגות[כד].

---

**כג.** על דברים ד, מא, וזל"ש: אז יבדיל משה שלש ערים בעבר הירדן. יגיד לך הכתוב כי משה כשהבדיל ערי מקלט האלה בארץ בני גד ובני ראובן אמר לישראל דברי הברית שיזכיר בסמוך, ואף על פי שידע משה שלא יהיו ערים אלו קולטות עד שיבדלו שלש בארץ כנען מכל מקום רצה להשתדל **אפילו בחצי מצוה** כדי להוסיף אותה על שאר מצוותיו וצדקותיו אשר עשה. ומכאן נלמוד התעוררות גדול בקיום המצוות, **וכאן נוכל להתבונן במעלות המצוות ובכוחם ובשכרם העצום** כאשר יעשה אותן האדם על השלימות. ואפשר שנאמר כי לזה רמזו חז"ל במדרש שאמרו (נדרים לח.) **פסל לך** (שמות לד, א), **הפסולת שלך**, **משם נתעשר משה**. באו לומר **כי מן המצוות שהן קלות בעיני האדם משם נתעשר משה**, כלומר שעלה להשגה גדולה **כי הוא העושר האמיתי** ואין צריך לומר באותן המצוות שהן עיקר התורה ויסוד האמונה.

**כד.** עיין 'ליקוטי עצות' ערך 'תמימות' אות ב' (עפ"י ליקו"מ תנ' סי' ה'): צריכין להתגלגל בכל מיני רפש וטיט בשביל עבודת ה' ומצוותיו יתברך, **ולאו דוקא בשביל מצוה ממש, אלא כל**

## שמחה של מצוה

עס איז דאך טאקע ידוע, דער הייליגער **אר"י** האט מעיד געווען - ווער האט אַן השגה אין זיין קדושה, אין זיין תורה, אין זיין עבודה, וואס איז 'עד אין קץ'! - עם־כל־זה האט ער געזאגט, "אלע זיינע מדריגות", [דאס הייסט, זיין השראת השכינה און זיינע השגות], "האט ער זוכה געווען 'על ידי שמחת המצוות' וואס ער האט זיך געפריידט!"[כה].

ער האט געהאט א געוואלדיגע שמחה מיט יעדער מצוה, אז ער האט זוכה געווען צו טון 'רצון קונו', אז עס איז נישטא קיין גרעסערע 'אושר' אין דער בריאה מער ווי דאס.

על־כל־פנים, די גרויסקייט פון מעורר זיין דעם 'טוב' פון א אידן, דאס האבן די צדיקים געוואוסט, און די תלמידי בעל־שם בפרט, און זיי האבן עוסק געווען אין דעם, און דורכדעם וואס זיי האבן מעורר געווען די באהאלטענע גוטס וואס עס איז דא אין אידן, האבן זיי ארויסגענומען אסאך נפשות פון שאול תחתית דורכדעם.

אזוי אויך האבן זיי מעורר געווען און מרומם געווען כשר'ע אידן וואס זיי זענען געווען אראפגעפאלן ביי זיך דורך פארשידענע זאכן, וואס זיי האבן זיך נישט געקענט רירן פון פלאץ פון חלישות הדעת וכדומה וואס דער יאוש האט זיי גורם געווען; אבער מיט דעם כח פון מעורר זיין דעם 'טוב', האט מען זיי אויך מעורר געווען לעבודת הבורא, און זיי האבן זיי אריינגעפירט צוריק אין שביל פון עבודה און אין תורה אז זיי זאלן גיין 'מדרגא לדרגא'[כו].

---

**דבר שיש בו רצון השם יתברך נקרא מצוה.** וצריך לגלגל עצמו בכל מיני רפש וטיט, כדי לעשות איזה רצון ונחת לשם יתברך. וכשאהבתו חזקה כל כך לשם יתברך, אז הוא בחינת בן יקיר וחביב מאד לשם יתברך. והשם יתברך חומל עליו **ומניחו לחפש בגנזיא דמלכא הגנוזים וצפונים ביותר**, וכו' עיי"ש.

**כה.** עיין 'ספר חרדים' הקדמה למצוות, אות ד': גילה הרב החסיד המקובל מהר"ר יצחק אשכנזי זצ"ל לאיש סודו, שכל מה שהשיג שנפתחו לו שערי החכמה ורוח הקודש, בשכר שהיה שמח בעשיית כל מצוה שמחה גדולה לאין תכלית.

**כו.** עיין אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב ע"ד) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: אנו רואים שמוהרנ"ת

**נישט זיצן צו שטארק**

דאס איז א זאך וואס עלטערן פון קינדער, הורים ומורים, דארפן דאס אויך וויסן טאקע; צומאל, 'מרוב אהבה' צו די קינדער וואס מען האט זיי אזוי שטארק ליב, דווקא דערפאר האט מען ליב זיי כסדר צו דערציילן זייערע חסרונות און זיי זאגן מוסר זיי זאלן עס פאררעכטן.

און אפילו אויב דאס קינד הויבט אָן צו ווערן בעסער, און דער טאטע זעט אז ער איז געווארן אביסל בעסער, אבער דער טאטע זעט ווי ווייט די בעסערקייט איז נאך פון שלימות, מאכט זיך דער טאטע נישט וויסנדיג, ווי ער זעט עס גארנישט, און דאס קינד מיינט אז זיין טאטע וויל גארנישט זען זיין בעסערקייט.

אזוי אויך, צומאל איז דא א 'חלק הטוב' אין א קינד, איז דא אזעלכע עלטערן וואס זיי ווייזן גארנישט קיין 'פנים מאירות' דעם קינד אויף דעם 'טוב' וואס ער האט, און דאס קען גורם זיין אז דאס קינד איז זיך מייאש אינגאנצן פון צו ווערן בעסער און צו דערהויבן ווערן נאך מער. און אמאל גיט ער נאך א שטעמפל אויף די עלטערן אז זיי פארשטייען אים נישט, וואס דאס אלץ קען גורם זיין אז אסאך 'טוב' ביי א קינד זאל נישט נתגלה ווערן דורכדעם חס־ושלום.

דערפאר דארף מען זייער שטארק שוֹקל זיין 'בפלס'; חוץ וואס עס איז דא א 'צד' וואס מען דארף אכטונג גיבן אויף די קינדער און זאגן

---

ז"ע מתחיל את ה'לקוטי הלכות' שלו מענין הנקודות טובות שעי"ז "אזמרה לאלקי בעודי" (תהלים קמו, ב), 'בעודי' כלומר עם ה"עוד מעט ואין רשע" שיש בי, ע"ש בהמשך התורה רפ"ב דברים נפלאים, שעי"ז נבנה המשכן (אחר מכשול העגל) ודייקא עם הנקודות טובות של כל אחד. סוד זה נחוץ וחשוב מאד לדעת במעבר הקליפות כהיום בעולם הזה, שלא להשטף לגמרי ח"ו ע"י שטף המים הזידונים, והנקודות האלו הם "חלק ה' עמו", כלומר חלקו של השי"ת כביכול בתוך עמו ב"יעקב חבל נחלתו" (דברים לב, ט), וההבדל בין היום שחטפו בו קצת נקודות טובות לבין היום שעבר רֵיק ללא חטיפה של נקודות טובות, הוא "כיתרון האור מן החושך" (קהלת ב, יג). וגם זו היא נקודה יקרה שאפילו עובר כל היום בעסקי עולם הזה מחמת הצורך, אך כוונתו והשתוקקותו היא שיצא מכל זה מלכות דקדושה, ממנו וממשפחתו, אז גם זה נחשב לעבודת השי"ת, ו"מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה" (קידושין מ.).

מוסר פאר קינדער; דארף מען אויך נעמען דעם צווייטן 'צד', צו מעורר זיין דעם 'טוב' פון זיי; דאס איז א געוואלדיגער יסוד.

עס איז דא קינדער וואס ווילן גאר שטארק זיין גוט, און קיינער ווייסט נישט וואס עס שטערט זיי. ממילא דארף מען זען, אויך נעמען דעם 'צד' אין חשבון, און בעטן אסאך, מתפלל זיין אויף סייעתא דשמיא מען זאל וויסן ווי זיך צו פירן אז מען זאל מצליח זיין.

עס האט מיר געזאגט, **ר' אלי' ראטה** (זאל זיין געזונט און שטארק [ז"ל] [כז]), אז **דער אלטער זוועהילער רבי - רבי שלמה'קע ע"ה** האט אים געזאגט: 'חינוך פאר א קינד' איז די זעלבע ווי א האָן. חז"ל זאגן[כח] - א תרנגול דארף זיצן אויף אַן איי ביז עס ווערט אַן אפרוח, 'איין און צוואנציג טעג'.

איז די ארבעט פון דעם תרנגול איז, אויסווארעמען דעם איי פאר 'איין-און-צוואנציג' טעג, ביז עס וועט ארויסגיין א לעבעדיגער 'אפרוח'. טאמער כאפט זיך אריין א קרירות, גייט דאס איי 'לאיבוד' און עס ווערט פון דעם גארנישט.

די זעלבע זאך - פארקערט, ווען מען דארף עס אויסווארעמען, אויב גיט ער עס עפעס א קוועטש, גיט עס א פּלאַץ, איז עס ווייטער ערלעדיגט.

אט דאס איז די ארבעט; 'מצד אחד' דארף ער האלטן אין איין ווארעמען דעם איי; און 'מצד אחד' דארף ער אכטונג געבן - נישט גיבן עפעס א קוועטש מערער; אז נישט, פלאצט דאס איי... דאס איי

---

**כז.** ה"ה **הרה"צ ר' אלי' ראטה זצ"ל** מחסידי קמאי ומצדיקי ירושלים, נולד בירושלים עיה"ק אדר שנת תרס"ה, והסתופף בצל כמה גדולים וצדיקים הקדושים, ובמיוחד שימש הגה"ק רבי שלמה מזוועהיל זצ"ל, כל ימיו סבל יסורים וקבלם באהבה ובשמחה, ומורינו הגרי"מ שליט"א נתחבב מאוד על הצדיק ר' אלי', ומידי חודש בחדשו היה עולה אל מורינו שליט"א לביתו לשוחח ולהתחזק בעניני התכלית, נסתלק בשיבה טובה אדר תשנ"ב, ולא השאיר אחריו זש"ק, יהא זכרו ברוך.

**כח.** גמ' בכורות דף ח' ע"א.

איז דאך ערשט געבוירן, עס איז זייער איידל, מיט איין דריק איז עס געפּלאַצט.

אט דאס איז א געוואלדיגער לימוד; 'מצד אחד' דארף מען קינדער כסדר זען אז זיי זאלן זיין אין א 'צילא דקדושה', אין הייליגע פלעצער, און אכטונג געבן אז קינדער זאלן נישט אוועקגיין אין שלעכטע וועגן; און 'מצד שני' דארף מען אכטונג געבן, חלילה נישט געבן קיין דריק אז עס זאל פלאצן אינגאנצן חס ושלום[כט].

## שפּיציג און קיילעכדיג

רבי נתן אין **ליקוטי הלכות** זאגט טאקע; עס שטייט אין חז"ל[ל], דער סימן פון א 'ביצה טהורה' איז 'כד וחד'. דאס הייסט, פון איין זייט דארף דאס איי זיין שפּיציג, און פון דער אנדערער זייט דארף דאס איי זיין נישט שטארק שפּיציג - נאר אביסל קיילעכיג, אט דאס איז א סימן פון א 'ביצה טהורה'. אויב עס איז ביידע זייטן שפּיציג, אדער ביידע זייטן קיילעכיג, איז דאס א 'ביצה טמאה'.

זאגט רבי נתן[לא], דער רמז פון דעם איז; א איד דארף האבן ביידע זאכן; 'מצד אחד' דארף א איד האבן א גוטן שארפקייט, אזוי ווי עס שטייט[לב]: "**ולא יתבייש מפני בני אדם המלעיגים עליו לעבודת הבורא**", ער זאל זיין שטאָלץ אין אידישקייט, זיך נישט איבערשרעקן, זיך נישט שעמען פאר קיינעם. אט דאס איז דער ענין פון 'חד', דאס איז א 'סימן דקדושה'[לג]. ווייל אמאל דורך א בזיון קען מען חלילה

---

**כט.** עיין 'ליקוטי הלכות' הל' ביצים ה"ד אות א': ועל כן נקראים המתחילים בחינת מארי מקרא בשם "ביצים", כי הם כמו ביצים שעדיין לא נתגלה בהם צורת העוף וצריכים שמירה גדולה שלא להרסם ושלא לשברם בקל ח"ו.

**ל.** שו"ע יו"ד סי' פ"ו.

**לא.** ליקוטי הלכות שם.

**לב.** שו"ע או"ח סי' א' סעי' א'.

**לג.** כמבואר היטב בליקוטי מוהר"ן סי' קמ"ז, עיי"ש, ובעוד הרבה מקומות בספרי רבינו.

אראפגיין פונעם גוטן וועג חס ושלום; איז דא אַן ענין וואס מען דארף האבן אַן 'עזות דקדושה', פון 'חד'.

פון דער צווייטער 'צד', דארף א מענטש זיין 'נכנע', מען דארף זיין 'רך כקנה', מען דארף זיין א 'מוותר', מען דארף זיין א 'מעביר על מידותיו', וואס דאס איז דאך דער סימן פון א איד[לד] - "רחמנים ביישנים גומלי חסדים". ווי שטייט[לה]? "המעביר על מידותיו מעבירין לו על כל פשעיו". א מענטש, וואס מער איז מוותר, וואס מער ער איז גוט צו יענעם, איז דאס א 'סימן דקדושה'. אט דאס איז דער ענין פון 'כד'; דאס הייסט, עס איז נישט שארף, עס איז פארקערט פון שארף.

איז אז מען האט ביידע זאכן, מען ווייסט וואו זיך צו פירן שארף און וואו זיך צו פירן ווייער, דאס איז א סימן פון א 'ביצה טהורה', און דאס איז א סימן פון אַן ערליכן אידן.

די זעלבע זאך, ביי דעם ענין פון 'דן זיין לכף זכות' איז אויך אזוי; אמאל דארף א מענטש מאכן א גוטן חשבון הנפש ווי ער האט פאר'בטל'ט די יארן, וואס טוט זיך מיט אים, און אז מען דארף וויסן אז עס איז דא נאך א וועלט, און אז די יארן לויפן אוועק, און אז מען דארף זיך גוט אנקוקן ווי מען קוקט אויס, און 'על מאי אתינא להאי עלמא שפילה' - פארוואס איז מען אראפ אויף דער וועלט - צו מבלה זיין די וועלט מיט גארנישט, מיט הבל הבלים, מיט תאוות, רחמנא ליצלן?! און מען דארף זיך מאכן א גוטן חשבון הנפש, און זיך מעורר זיין זיך צו נעמען צו תורה און צו תפילה און צו עבודת השם[לו].

---

**לד.** דברים רבה ג, ד.

**לה.** גמ' ראש השנה דף י"ז ע"א.

**לו.** עיין אוסף מכתבים (חלק ד' מכתב רל"ז) מה שמוסיף מורינו הגה"צ שליט"א ע"ז, וז"ל: ומוהרנ"ת מרמז שם שאחר כל זה צריכים בירור כל חד בנפשיה לדעת שלא נתהפך ח"ו, היינו במקום שצריך כד שישתמש עם חד להיפך ח"ו. והיינו שכיש לנו דעת ע"פ תורתינו הקדושה היכן להשתמש בבושה ובהכנעה והיכן בעזות – זהו הסימן של טהרה.
ועיקר העזות צריך להיות נגד התאווה והגאווה העצמית ונגד הדיעות הכזביות ונגד הכפירות בהשי"ת ובהצדיקים הק'. ועיקר הבושה צריך להיות לקבל את הבזיונות באהבה לכפרת

אבער אמאל איז דא פארקערט, בשעת דער בעל־דברווארפט אראפ, ער איז מחליש דעת, ער איז מייאש, דעמאלס דארף מען, אדרבה, וויסן אז מען איז חשוב, און אז מען איז געוואלדיג גרויס ביים אויבערשטן, און אז עס איז נישטא קיין יאוש, דער אויבערשטער איז גרויס 'עד אין קץ', און 'נשמות ישראל' איז גרויס 'עד אין קץ', 'מאיזה מקום שהוא'![לז]

## גענוצט 'עניוות' אין די נישט ריכטיגע מינוט

ביי אדם הראשון'ען ווערט געבראכט; דער יצר־הרע, דער נחש, די ערשטע זאך האט ער זיי געזאגט: **"וִהְיִיתֶם כֵּאלֹקִים"**[לח] - 'גאוה'. ער וועט זיין 'כאלקים', ער וועט זיין גרויס. אז דו וועסט באקומען שכל, וועסטו קענען מייצר זיין עולמות[לט]. ער האט אים אריינגעווארפן א 'גאוה'. אט דאס איז די ערשטע ווערטער וואס דער 'נחש הקדמוני' האט אים געזאגט, וואס אט די זוהמא וואס מען האט ליב 'גאוה' מיט 'כבוד', דאס ליגט אין אלע ברואים 'עד היום הזה'.

אינ'אמת'ן וואלט ער געדארפט זאגן, 'איך דארף דען גאוה, איך דארף כבוד, איך דארף זיין 'כאלקים'?! מיין גליק איז אז איך האב אַן 'אלוקים'!'.

---

עוונות, ובושת מלמרוד נגד השי"ת, ואז דייקא נתתקן הכל בשרשו, כי שורש כל המחלוקת הוא מחלוקת הסטרא אחרא נגד המלכות דקדושה, וע"י שמקבלים את הכל לטובה מתתקן הכל (כמבואר כל זה בס' רע"ז). וזה (תהלים צב, יב-יג) "בקמים עלי מרעים תשמענה אזני צדיק כתמר יפרח" ושם בתורה הנ"ל מדבר דייקא מחודש אייר (שוה ר"ת אויבי ישובו יבושו רגע), "שבחודש אייר יש כוח יותר בכל הרפואות", ע"ש.

**לז.** ענין זה, לאחוז את מטה הענוה והגאוה בשני הקצוות בקדושה, מבואר הרבה בספר 'באר מים חיים', אשר אי אפשר לפרטם כי רבים הם; גם עיין 'יושר דברי אמת' אות כ"ז; 'תפארת שלמה' - שער התפילה; 'צדקת הצדיק אות רמ"ו, ועוד הרבה בספרי תלמידי הבעש"ט.

**לח.** בראשית ג, ה.

**לט.** רש"י שם.

א נברא וואס האט אַן 'אלוקים' איז דאך א גליקליכער מענטש 'לעולמי עד'; וויל ער אליין זיין אַן 'אלוקים'?! - אָך־און־ווי צו אים...

ווי שטייט? "**לִפְנֵי שֶׁבֶר גָּאוֹן**"[מ]; דער גרעסטער חורבן איז, אז א מענטש האלט זיך גרויס. ער וואלט געדארפט זיין אַן 'עניו' - 'וואס ווילסטו מיר איינרעדן "והייתם כאלקים"? אדרבה, איך וויל האבן אַן 'אלוקים'!'.

די **גמרא** זאגט טאקע[מא], א מענטש וואס האט 'גאוה', איז 'דוחק רגלי השכינה'. וואס הייסט 'אליין זיין כאלוקים'? דו ווערסט דאך אָן דעם רבונו־של־עולם חס־ושלום?!

איז בשעת ער האט אים געזאגט "והייתם כאלקים", וואלט ער געדארפט זאגן פארקערט, ער וואלט געדארפט זיין אַן 'עניו' - 'איך דארף נישט זיין 'כאלקים', איך וויל פאלגן וואס דער אויבערשטער הייסט, וואס מען מעג עסן - מעג מען, און וואס מ'טאר נישט - טאר מען נישט!'.

'לעומת זה', בשעת ער איז געגאנגען טון דער עבירה, האט ער דאך נאך געהאט דעם 'התעוררות' פונעם אויבערשטן, וואס בשעת ער האט אים באשאפן און ער האט אים געוויזן די שיינקייט פון דער בריאה, האט ער אים דעמאלס אנגעזאגט, **'גיב אכטונג, מאך נישט חרוב דער בריאה!'**. וואלט ער דעמאלס געדארפט באקומען שטאָלץ, 'וואס הייסט, איך וועל עסן פון דעם 'עץ־הדעת'? איך וועל דאך חרוב מאכן דער גאנצער 'בריאה'!'.

דעמאלס איז ער אבער געווארן אַן 'עניו', "מה אני, ומה חיי", 'איך בין נאר 'עפר מן אדמה', מיין עסן וועט דען עפעס קאליע מאכן דער בריאה?!'; דעמאלס האט ער זיך געהאלטן קליין...[מב]

---

**מ.** משלי טז, יח.

**מא.** ברכות דף מג ע"ב.

**מב.** עיין ליקוטי הלכות הל' פקדון ה"ה אות ז': **חטא אדם הראשון כידוע**, שפגם באמונה,

אדרבה, דעמאלס וואלט ער געדארפט וויסן אז ער איז דער שורש הבריאה; דער רבונו־של־עולם האט באשאפן די אלע עולמות ביז דער לעצטער בריאה פון "נַעֲשֶׂה אָדָם", אז איינער זאל ממליך זיין דעם רבונו־של־עולם, אז איינער זאל מקשר זיין דער גאנצער בריאה צו השי"ת.

וואלט ער געדארפט וויסן, אדרבה, ער איז געוואלדיג גרויס, ער איז דער 'תכלית הבריאה', דער 'שלימות הבריאה', און אז זיין פעולה האט געוואלדיג צו זאגן!

דעמאלס איז ער געווארן אַן 'עניו'...

איז פשט, א מענטש דארף וויסן, מען דארף א געוואלדיגע סייעתא דשמיא ווען צו ניצן 'עניוות' און ווען צו ניצן דעם 'ויגבה לבו בדרכי ה'.

### וואס איין וואָרט קען אויפטון

על־כל־פנים, 'נחזור לענינינו', עס איז דא אַן ענין וואס א מענטש קען מעורר זיין זיין 'טוב', אדער א מענטש קען מעורר זיין יענעמ'ס 'טוב', און דורכדעם קען ער מהפך זיין דעם מענטשן לגמרי 'לטוב'[מג].

אט דאס איז איינע פון די געוואלדיגע עצות וואס מען קען מקרב זיין תלמידים און בנים און חברים, און זיך אליין; מען קען מיט א

---

כמובא. ועיקר הפגם היה בבחינת אמונת חכמים, כי אף על פי שהוא נברא יחידי ולא היו אז עדיין חכמים בעולם כי אם הוא לבדו, אף על פי כן היה צריך ביותר לאמונת חכמים, דהיינו להאמין בעצמו וכמבואר בהתורה הנ"ל שכשאין מאמינים בעצמו הוא בחינת פגם אמונת חכמים, וכן מבואר בסימן פ"ו בליקוטי תניינא על פסוק 'מקוצר רוח ומעבודה קשה'. כי אם היה האדם מאמין בעצמו שנשמתו גבוה מאד מאד, כי **אפילו הנשמה של הפחות שבישראל** גבוה מאד ובו תלויין כל העולמות עליונים ותחתונים, **בודאי לא היה עובר שום עבירה ולא היה פוגם שום פגם**, בפרט אדם הראשון שהיה יחידי שאצלו היה כל אמונת חכמים רק בבחינה זאת ... ואחר כך גרמה **עד שהכניסה כפירות גם בלב אדם הראשון בעצמו שנפל בדעתו ולא האמין בעצמו בעוצם כוחו ומעלתו שהיתה גבוה ונשגבה מאד** עד שאכל מעץ הדעת טוב ורע, שמאז נמשך זהמת הנחש שמשם כל הפגמים של הדורות הקודמים דור המבול ודור הפלגה שמשם נמשך גלות מצרים כידוע.

**מג.** כמבואר היטב בטטו"ד בליקוטי מוהר"ן סי' רפ"ב, עיין שם באריכות, אשר על כל זה מיוסד כאן שיחת מורינו שליט"א.

'חלק הטוב' אליין נתהפך ווערן לגמרי 'לטוב', און מען קען אַן אנדערן אויך איבערדרייען לגמרי 'לטוב'.

מיר האט דערציילט א איד וואס איז אמאל געווען א מלמד מומחה. אמאל אנהויב א זמן האבן צוויי קינדער ביי אים אין כיתה זיך געמאכט א חברותא, וואס זיי זענען דווקא נישט געווען קיין מיוחד'דיגע בעלי כשרונות, און זיי האבן אנגעהויבן צו לערנען צוזאמען בהתמדה די ערשטע פאר טעג - אזוי ווי דער שטייגער איז.

זענען זיי צוגעגאנגען צו אים פרעגן א פשט אין א שטיקל גמרא. האט זיך אים ארויסגעכאפט פון זיין מויל א וואָרט און ער האט זיי געזאגט: "אירביידע, אז איר וועט לערנען כסדר צוזאמען, וועט איר אויסוואקסן גדולי ישראל".

אזוי האבן זיי געענדיגט דעם גאנצן זמן לערנען בהתמדה.

'לאחר כמה שנים', אין אפאר יאר ארום, ווען זיי זענען שוין געווען גרויסע בחורים, האט דער מלמד געטראפן איינעם פון זיי. האט אים יענער געזאגט: "רבי, איר געדענקט דעם וואָרט וואס איר האט אונז געזאגט פאר אפאר יאר צוריק? איר ווייסט, מיר זענען נאך ממשיך צו לערנען כסדר צוזאמען; כאטש וואס מיר לערנען אין צוויי באזונדערע ישיבות, האבן מיר כסדר א שיעור וואס מיר לערנען צוזאמען, און פון דעם לערנען צוזאמען זענען מיר שוין א וועלט געשטיגן!".

זעט מען וואס מען קען פועל'ן מיט א גוט וואָרט; עס האט גע'פועל'ט אויף יארן צו זיצן און לערנען און שטייגן!

וואס א גוט 'וואָרט' קען אויפטון!

וואס א 'חיזוק' וואָרט קען אויפטון!

## א קליין דשוק'עלע אין מח

עס ווערט געברענגט אין ספרים בשם די 'חכמי הטבע', א מענטש האט אין זיך אזויפיל 'כוחות הנפש נפלאים', וואס בדרך כלל איז א

מענטש נישט 'מוציא לפועל' זיינע כוחות און זיינע כשרונות און זיינע הרגשים נאר פון זעקס ביז צען פראצענט(!).

דאס איז אלעס מרוב מפריעים, מיט כוואליעס, מיט שטערונגען, מיט מעבָרים וואס א מענטש ליידט פון אנדערע און פון זיך אליין, און אמאל פון ביידע - סיי פון זיך און סיי פון אנדערע, וואס דאס לאזט נישט א מענטשן 'מוציא' זיין 'לפועל' די גרויסע כוחות הנפש וואס ער האט.

מכל־שכן ברוחניות ביי א אידן וואס ער איז א 'חלק אלקי ממעל' וואס ער דארף זוכה זיין צו 'קרבת אלקים' פון דער וועלט, וואס דאס איז דער 'אושר הנצחי' פון א מענטשן 'לעולמי עד'; איז ער, דער בעל־דבר, ווארפט אראפ דעם מענטשן און ער פארלייגט אויף דעם די גרעסטע כוחות און די גרעסטע עצות ווי אזוי צו מחליש זיין דעם מענטשן, און ווי אזוי אים צו צעברעכן, כדי אים אפצוהאלטן פון דער זאך צו וואס ער קען צוקומען.

און אמאל ווארפט אריין דער בעל־דבר אין א מענטשן, אזוי ווי מען רופט עס היינט אָן - 'א דשוק'עלע אין מח', וואס מיט א קלייניקייט, מיט איין מחשבה פון א נערוועזקייט, צו פון א נערוו, צו פון א כפירה, צו פון א קושיא, צו פון א בלבול, צו פון א חלישות הדעת, קען מען אפ'בטל'ען די גאנצע יארן[מד].

אזוי ווי א קליין טשוועקל קען אמאל אפשטעלן א גאנצע פאבריק, אזוי קען אמאל א מענטש פון א קליין 'בלבול הדעת' אפ'בטל'ען די גאנצע יארן - 'ה' ישמור' פון אזעלכע זאכן.

---

**מד.** עיין 'חיי מוהר"ן' אות תקמ"ז: ואמר זה אני יודע מכבר **שיש אנשים שבשביל חומרא אחת מבטלין הרבה מאד מעבודת ה' כמעט הכל**; גם עיין 'ליקוטי הלכות' הל' גיטין ה"ג אות י"ט: **יש מדקדקים בחומרות ומרה שחורות**, ואחר כך עושים עבירות גמורות רח"ל, ויש שאין עושין עבירות גמורות בידים, **אבל הם הולכים בטל מתורה ומתפלה בכונה** ואינם שוקדים על דלתי העבודה באמת, רק כל חסידותם ועבודתם הוא מה שמרבין בחומרות יתירות משונות בעניני הנהגת קצת דברים, וכיוצא בזה הרבה.

**די עוונות רעדן...**

דער רבי זאגט דאך[מה] אז אלעס איז מרומז אין תהלים. כ'האב געקלערט אז אפשר קען מען זאגן אויפ'ן פסוק[מו] "**דִּבְרֵי עֲוֺנֹת גָּבְרוּ מֶנִּי פְּשָׁעֵינוּ אַתָּה תְכַפְּרֵם**". אז אינ'אמת'ן שטייט נישט "עוונות גברו מני", נאר עס שטייט "**דברי** עוונות גברו מני". איז פשט, אפשר קען מען טאקע זאגן, דוד המלך איז מבטא א קרעכטץ צום אויבערשטן: "דברי עוונות" - די עוונות רעדן...

ווייל פון יעדן עוון ווערט דאך באשאפן א קליפה, א 'רוח רעה' רחמנא ליצלן. איז זיי אליין פייניגן דעם מענטשן. איז "דברי עוונות גברו מני", דאס הייסט, זיי גייען אריין אין מיר און זיי רעדן מיט מיר און זיי שטערן מיר, זיי זענען מיר מבלבל, און "גברו מני" - זיי זענען שטארקער פון מיר, איך קען זיך נישט מתגבר זיין.

דערפאר בעט ער דעם אויבערשטן: "פשעינו אתה תכפרם". דאס הייסט, נישט נאר דו זאלסט מיר מוחל זיין די עוונות מיט 'מחילה וסליחה', נאר "תכפרם" - 'תכפרם' הייסט 'אפווישן', דו זאלסט עס אפווישן אינגאנצן, אז עס זאל אינגאנצן בטל ווערן, עס זאל נישט האבן אויף מיר קיין שליטה.

רבי נתן זאגט טאקע אין **ליקוטי הלכות**[מז]: "דוד המלך האט געזאגט דעם תהלים 'ברוח הקודש' פאר יעדן אידן 'עד סוף כל הדורות' - **אפילו פאר דעם גרעסטן בעל־עבירה 'שאין גרוע ממנו'!**".

אפילו איינער וואס איז דער גרעסטער בעל־עבירה וואס עס איז נישטא ערגער ווי אים אויף דער וועלט, איז דא 'ברוח הקודש' פאר

---

**מה.** ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ק"א, וסי' קכ"ה.

**מו.** תהלים סה, ד.

**מז.** הל' ערלה ה"ד אות ט"ז: **לא נמצא שום רשע ובעל עבירה בעולם שלא יוכל למצוא את עצמו בספר תהלים** הכולל כל באי עולם בכל הדורות ובכל המדריגות שבעולם מראש ועד סוף **עד תכלית הירידה שאין ירידה אחריו** רח"ל, לכולם הוא מעורר בצעקותיו ותפלותיו לשוב לה' יתברך.

אים אין תהלים, און ער קען זאגן תהלים, און שוקד זיין און דופק זיין 'על שערי תשובה'; ביז דער אויבערשטער וועט אים עפענען א 'פתח' און ער ווערט ארויסגיין און ער וועט ארויסקריכן פון זיין 'רע' און ער וועט מקורב ווערן צו השי"ת! - אזא מין כח איז דא אין תהלים.

**ווער ווייסט וויפיל מענטשן זענען פארלוירן געווארן און אפגעזינדיגט די גאנצע יארן דורכדעם וואס זיי האבן נישט געהאט ווער עס זאל זיי מחזק זיין 'בהתחלת הנפילה' וואס דער בעל־דבר האט זיי 'מחליש דעת' געווען און עס איז נישט געווען ווער עס זאל זיי זאגן - 'שרעק זיך נישט, זיי מרבה בתורה, בתפילה, במצוות, הער נישט די בלבולים וואס דער בעל־דבר זאגט דיר, צו ער איז יא גערעכט, צו ער איז נישט גערעכט!'**[מח].

דער רבי זאגט טאקע אין **שיחות הר"ן**[מט]: **"דו טו גוטס!"** - האלט אין איין טון 'טוב', **"ביז די 'רע' וועט אליין בטל ווערן!"**.

## אָן 'שמחה' - נישטא קיין פרייהייט

עס ווערט געברענגט פון **רבי'ן ר' אלימלך** אויפ'ן פסוק[נ]: **"הֵן בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא שָׁמְעוּ אֵלַי וְאֵיךְ יִשְׁמָעֵנִי פַּרְעֹה"**. זאגט דער רבי ר' אלימלך אזוי[נא], [דער רבי ר' אלימלך קען עס זאגן]: משה רבינו האט געזאגט

---

**מח.** עיין ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: **ושמענו מצדיק אמיתי שאמר**, שאילו היה אומר לו אחד, יהיה מי שיהיה, בעת שעסק בעבודת ה' בתחילתו: **'אחי, חזק ואחז עצמך'**, הייתי רץ ומזדרז מאד בעבודתו יתברך, כי גם עליו עבר כל הנ"ל, **ולא היה שומע שום התחזקות משום אדם!**

**מט.** חיי מוהר"ן אות תמ"ז: פעם אחת דיבר רבי גרשון מטירהאוויצע עם רביז"ל וקָבל לפניו מאד על אשר צר לו בעבודת ה'. ענה רביז"ל ואמר: אתה עשה טוב ועסוק בעבודתו באמת, וכשתעסק ותתמיד בעבודתו יתברך, אזי הטוב ישאר, והרע ממילא יתבטל. (**דוא טוא אין יודישקייט, גיטס וועט בלייבן און שלעכטץ וועט ממילא אראפ פאלן**).

**נ.** שמות ו, יב.

**נא.** נועם אלימלך פר' וארא ד"ה 'א"י ולא שמעו אל משה' וכו', וזל"ש בא"ד: והכלל בזה הוא כך, כשרוצים להכניע הקליפה, צריך להיות האדם בשמחה, כי כשהוא שמח אין שם עצבות ותוגה, כשזה קם זה נופל. ומשה רצה להכניע הקליפה, היינו פרעה, על ידי שיכניס

די אידן אין מצרים, 'הערט זיך איין, איר זאלט וויסן זיין, מען קען נישט ארויסגיין פון די קליפות און פון דער סטרא אחרא, נאר מיט 'שמחה', איז מוזט איר זיין פרייליך, און דעמאלס, "ישמעני פרעה" - וועט פרעה הערן וואס מען רעדט מיט אים און ער וועט אייך משחרר זיין; אבער טאמער איר וועט נישט זיין פרייליך, וועט פרעה מיר נישט הערן'.

האבן די אידן געזאגט משה רבינו, 'ניין, מיר קענען נישט זיין פרייליך', און זיי האבן דאס מסביר געווען על פי רוחניות - א רוחניות'דיגע סברא פארוואס זיי קענען נישט זיין פרייליך.

זאגט דער רבי ר' אלימלך, משה רבינו האט געזאגט דעם אויבערשטן: "הן בני ישראל לא שמעו אלי". "הן" איז א לשון - "יאָ" - זיי האבן עפעס א רעכט, די טענה איז אביסל א ריכטיגע טענה פארוואס זיי קענען נישט זיין פרייליך. אבער אויב זיי וועלן נישט האבן קיין ביטול צו מיר און זיי וועלן מיר נישט פאלגן, איז "איך ישמעני פרעה?", וועלן זיי דאך נישט קענען ארויסגיין פון גלות[נב].

די צדיקים האבן דאס געוואוסט.

מען דארף האבן אמונה אין דעם וואס די צדיקים זאגן אז יעדער איד האט 'טוב', יעדער איד קען זיך ראטעווען.

---

בישראל השמחה של גאולה, והם לא רצו לקבל השמחה כדי שלא יבא להם איזה תענוג. ונמצא לא באו אל השמחה. לזה אמר משה 'הן בני ישראל לא שמעו אלי', כלומר, זה טוב שלא שמעו אלי כדי לעשות העובדא שלהם בשלימות בלי שום הנאת עצמם. אבל 'ואיך ישמעני פרעה', רוצה לומר, שהקליפה לא הוכנעה בזה כיון שלא באו ישראל אל השמחה.

**נב.** עיין 'ליקוטי מוהר"ן' תניינא סי' י': דע, שעל ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו, ועל כן קשה לו לישב דעתו. רק על ידי השמחה יוכל להנהיג המח כרצונו, ויוכל ליישב דעתו, כי שמחה הוא עולם החירות, בבחינת (ישעיה נ"ה): **"כי בשמחה תצאו", שעל ידי שמחה נעשין בן חורין ויוצאין מן הגלות.** ועל כן כשמקשר שמחה אל המח, אזי מוחו ודעתו בן חורין, ואינו בבחינת גלות, ואזי יוכל להנהיג את מחו כרצונו וליישב דעתו, מאחר שמוחו בחירות ואינו בגלות ... **ולבוא לשמחה הוא על ידי מה שמוצא בעצמו איזה נקודה טובה על כל פנים**, כמבואר על פסוק: "אזמרה לאלקי בעודי" (בליקוטי הראשון, בסימן רפ"ב) עיי"ש.

מען דארף גלויבן אין דעם און וויסן פון דעם - אזוי ווי א מענטש דארף גלויבן אין קדושת התורה, אין קדושת המצוות, אין קדושת שבת, אין קדושת יום טוב; אזוי ווי עס שטייט[נג] "מקדש השבת **וישראל** והזמנים".

א מענטש וויסן אז די אהבה וואס דער אויבערשטער האט ליב אידן, בכלליות ישראל, און יעדן איד בפרט, דאס איז אַן 'אהבת עולמים', א 'ברית עולם שלא תופר'!

וויבאלד 'נשמות ישראל' איז אזוי גרויס, און דער קשר פון דעם אויבערשטן מיט די אידן איז אזוי גרויס, דערפאר קען יעדער איד מקורב ווערן צום אויבערשטן אוואו ער איז און פון וואנעט ער איז!

**עס איז נישטא קיין פלאץ און קיין מציאות אז א איד זאל נישט קענען מקורב ווערן צו השי"ת!**

---

**נג.** סדר הקידוש ליו"ט שחל בשבת.

# יאמץ לבך

אלעמאל אז מען וויל אוועקלויפן פון רע, קומט דער בעל דבר און מאכט אים בעצבות פון דעם אליין אז דו ביסט אריינגעפאלן אין מחשבות זרות, וואס פון דעם אליין ווערט ער אָן דעם מוח, ממילא טראכט ער ווייטער...

אז מען איז בשמחה, איז מען שולט אויף די מחשבה. מחשב"ה איז די אותיות בשמח"ה - ווייל דעמאלטס איז מען שולט אויף די מחשבה. **די עצה איז נישט 'עצבות'**. וואס וויל דער אויבערשטער ערשט פון מיר? אנטלויפן! - אנטלויפט מען, דאס איז עס.

איך קלער אלעמאל אזוי; א שונא אז ער איז פונדערוויטנס - קען ער מיר נישט גארנישט טון - און איך קען אים אויך גארנישט טון; איז ער נאנט - בין איך טאקע איינגעשטעלט - אבער איך קען אים אויך דער'הרג'ען...

**עס איז א תיקון נפלא מאד אז א מענטש צעברעכט א מחשבה זרה!**

מען דארף גאר אסאך רעדן וועגן דעם, ווייל עס איז דא היינט א מבול פון מחשבות זרות; עס איז א געוואלדיגע עבודת ה' וואס אט דאס וויל היינט דער אויבערשטער פון אונז - טון אין (קדושת) מחשבה.

(מתוך ספר דורשי יהודך - שובבי"ם ח"א)